לייבל באַטווייניק/מאָנטרעאָל

# פֿון נעכטן, הײַנט און מאָרגן

(דרײַ מעשׂיות פֿון דער נאָענטער ייִדישער געשיכטע — לזכר שמערקע קאַטשערגינסקי, ווילנער פּאַרטיזאַנער פּאָעט)

באַקאַנט אײַך געווען אַ מאָל איז זײַן נאָמען,
ניט פֿרעגט איצט ווער בין איך, ניט פֿרעגט.
איך האָב ניט קיין נאָמען,
איך האָב נאָר אַ נומער:
מײַן נומער איז דרײַ־אַכט־פֿינף־זעקס (3856).

— פֿון ש. ק., „מיליאָן״

## I יזכּור

ס'איז געווען אַ וואַרעמער פֿרילינגטאָג. די זון האָט געשײַנט, און דער קילער פֿרילינגווינט האָט געבראַכט אַ פֿרישקייט וואָס האָט צעטריבן די ווינטער־געוועבן, וואָס זיי האָבן פֿאַרהאַלטן די מענטשן אינעווייניק אין שטוב, בעת די קאַלטע שניי־חדשים. קינדער האָבן זיך אַרויס־געלאָזט פֿון די הײַזער ווי פֿײגלען פֿון אַ בויגן.

דער אַלטער יוסף איז אַרויס אויפֿן באַלקאָן, זיך אַרומגעקוקט, און טיף אײַנגעאָטעמט די פֿרישע לופֿט. ס'איז געווען געשמאַק אין דרויסן — לעבעדיק און פֿריי־לעך. דערזעענדיק ווי זײַנע אייניקלעך שפּילן זיך אויפֿן גראָז, איז ער אַראָפּ און צו זיי צוגעלאָפֿן מיט אַזאַ פֿלינ־קייט, וואָס אַ ייִנגערער פֿון אים וואָלט ניט געקענט נאָכ־מאַכן. ער האָט אַרויפֿגעכאַפּט דאָס ייִנגסטע אייניקל אויף די הענט, און . . .

„זיידע! זיידע! זע די נײַע פּילקע וואָס פּאַ האָט פֿאַר אונדז געקויפֿט!״

„יע, כ'זע, שאָול. די דורכזיכטיקע קאָלירטע פּילקע איז טאַקע אַ שיינע. זע ווי אַ ראָבאָטקעלע לויפֿט אינע־ווייניק אַרום און אַרום״.

„דו ווייסט, זיידע, אַז דערפֿון פֿליט די פּילקע זיג־זאַגיש, און ס'ווערט שווער איר נאָכצויאָגן — אָבער דאָך קען איך זי כאַפּן״, האָט די קליינע שׂרהלע שטאָלץ געזאָגט.

ס'איז געוואָרן נאָך וואַרעמער אין דרויסן. דער זיידע, יוסף, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ פֿון באַלקאָן און גענומען פֿאַרקאַשערן די אַרבל פֿון העמד.

„וואָס איז דאָס, זיידע?״ האָט שאָול אָנגעוויזן אויפֿן אַלטנס לינקן אָרעם.

„יע, זיידע, דערצייל אונדז. וואָס באַטײַטן די פֿיר ציפֿערן?״.

* * *

„געדענק, יוספֿל. געדענק דעם באַטײַט פֿון די ציפֿערן. געדענק וואָס מע האָט אונדז געטאָן . . . און איצט מוזסטו גיין״.

יוספֿס טאַטע דניאל האָט אים אַ קוש געטאָן אין שטערן, און האָט שטיל צוגעגעבן: „זאָל דיך דער אייבערשטער היטן״.

אַ שטילער טרויער האָט זיי ביידן אַרומגענומען. יוספֿל האָט אַרויפֿגעקוקט צום טאַטן פֿאַראומערט. דעם טאַטנס צוויי אויגן זײַנען געווען פֿעסט צ־געמאַכט, ווי ער וואָלט געוואָלט פֿאַרהיטן, אַז די טרערן זאָלן זיך ניט אַרויסזעען. ווער ווייסט, צי זיי וועלן זיך ווען עס איז נאָך זען. יוספֿל האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז דאָס מוז ער. אַ דאַרער און קליין־געוויקסי־קער, האָט ער זיך אַדורכגעגליטשט אונטער די שטעכ־דראָטן וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם לאַגער. דער

טאַטע האָט ניט געטאָרט מיטגיין — ער וואָלט זיי דאָ אויסגעפּעלט, אָבער ווען מען גייט אַן ווען אַ קליין קינד, נאָך ניט קיין אַכט יאָר אַלט, ווערט פאַרשווונדן? מיטגעגאַנגען איז נאָר דעם טאַטנס גײַסט, און די ווערטער: „געדענק! געדענק!"

ער איז געלאָפן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. בײַ טאָג איז ער געשלאָפן, בײַ נאַכט — ווידער אַ מאָל געלאָפן. די טעג און די נעכט האָבן זיך אים ווי צונויפגעגאָסן. ער פּלעג בעטן עסן בײַ פּרעמדע; אַ מאָל אויך געגנבעט. יוספּל האָט אַלץ פאַרגעסן, אַחוץ אַז ער דאַרף לעבן און אַז ער האָט די ציפערן אויסגעברענטע אין דער הויט פון אָרעם. דאָס איז געווען זײַן איינציקע טרייסט אין די קילע פּרילינגנעכט.

ס'איז טאַקע געווען מלחמה־צײַט. אומעטום חורבן און פּליטים. דאָס איז אָבער געווען אַן אַנדער סאָרט מלחמה. דאָ איז דער שונא אַרײַן מיט כּוח, און גלײַך אַוועק. דער פראָנט האָט זיך גערוקט ווײַטער. די געפּאַנצערטע האַרמאַטן, די סאָלדאַטן מיט זייער געווער — אַלץ איז געווען ערגעץ אַנדערש. דאָס טרייסלען זיך פון דער ערד צוליב די באָמבעס און אַרטילעריע, און דער רעש פון עראָפּלאַנען האָט זיך אײַנגעשטילט, אָבער די שרעק פאַר הריגות האָט נאָך אומעטום געוועלטיקט.

די רעגירונג האָט זיך אונטערגעגעבן און האָט אונטערגעלעקט די שונאי־ישראל. מע האָט אָנגענומען גזירות קעגן יידן. יידן טאָרן ניט טאָן דאָס, יידן טאָרן ניט טאָן יענץ. מע האָט די יונגע־לײַט אײַנגעזעצט אין תּפיסה, אין קאָנצענטראַציע־לאַגער און אין אַרבעט־לאַגער. די אינטעליגענטן, לערערס, שרײַבערס, דאָקטוירים און אינדזשענירן האָט מען אויסגעשאָסן. פּאָגראָמען האָבן אויסגעבראָכן און אומשולדיקע, אומבאַהאָלפענע ווײַבער, קינדער און אַלטע־לײַט זײַנען דערהרגעט געוואָרן. מע האָט פאַרברענט יידישע ביכער און ספרים. און דאָס איז נאָר געווען דער אָנהייב.

יוספּל האָט דאָס אַלץ געזען דורך קינדערישע אויגן, אָבער ער האָט שוין גוט פאַרשטאַנען וואָס דאָס הייסט הונגער און לײַדן... און טויט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מע האָט געוואָלט אַפּווישן דעם זכר פון יידישן פאָלק. און ער האָט געטראַכט פון די ציפערן אײַנגעקריצטע אין זײַן מוח, אויסגעברענטע אויף דער ווייכער הויט פון זײַן קינדערישן אָרעם: 3856 — געדענק!

סוף־כּל־סוף האָט מען אים געכאַפּט. די סאָלדאַטן זײַנען זיך באַגאַנגען מיט אים ברוטאַל: געשטופּט, געשלאָגן, און געפּײַניקט און אויסגעהונגערט.

די מושלים האָבן אויסגענוצט די נײַסטע טעכנאָלאָגיע כּדי אַדורכצופירן זייערע פינצטערע מעשים. מע האָט געמאַכט כּלערליי עקספּערימענטן אויף די געפאַנגענע. די מזלדיקע האָבן דאָס ניט דערלעבט. די נײַסטע המצאה אויף צו „לייזן די יידן־פראַגע" איז געווען „פאַרגעסגאַז". די וואָס זײַנען ניט גלײַך אויסגעגאַנגען, אָדער משוגע געוואָרן נאָכן אײַנאָטעמען דעם גאַז, זײַנען געוואָרן ווי גולמס, ניט געהאַט קיין אייגענעם ווילן. די מוחות זײַנען זיי אין גאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן. דער זכרון און דער איך — אויסגערונען געוואָרן.

„דו, ממזרל! ווּעסט פאַרגעסן דײַן פאַרדאַרבן יידיש פאָלק. זײַ שטאָלץ וואָס דו ביסט איצט פון די ערשטע, וואָס זיי האָבן דעם כּבוד אויסצופּרובירן אונדזער נײַעם, עקספּערימענטאַלן פאַרגעסגאַז. אויב דאָס וועט דיך ניט דערהרגענען — כאַ, כאַ, כאַ — וועלן מיר דיך איבערמאַכן, און ווּעסט ווערן איינס מיט אונדז, פון די וואָס זײַנען ווערט צו געוועלטיקן איבער דער וועלט..."

ווען די מלחמה האָט מיט שווערע יאָרן שפּעטער זיך סוף־כּל־סוף געענדיקט, און די מאַכט פון די פינצטערע שונאים איז צעשמעטערט געוואָרן, האָבן זיך געפונען מיליאָנען יידן פּליטים, אויסגעהונגערטע, אָפּגעשוואַכטע, קראַנקע, אָן קיין קלאָרן באַוווסטזײַן, אָן קיין זכרון ווער זיי זײַנען און פון וואַנען זיי קומען. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער יידן־שונא האָט געוווּנען. ס'איז ניט געווען קיין איין ייד אויף דער וועלט וואָס איז ניט אַדורך דעם פאַרגעסגאַז־פּראָצעס. אָבער ניט אַלע האָבן פאַרגעסן. ניט בײַ אַלע איז אין גאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן דער זכרון.

יוספּל האָט ניט פאַרגעסן. די ציפערן אויסגעברענטע אויף זײַן אָרעם האָבן אים ניט געלאָזט פאַרגעסן. די ציפערן האָבן צו אים אויסגעשריגן: „געדענק יוספּל, מײַן זון. געדענק פּאָנאַר. געדענק אוישוויץ. געדענק די המנס און די כמעלניצקיס. געדענק די היטלערס און סטאַלינס און אַראַפאַטס. געדענק די יידן־תּלינים. געדענק ווער דו ביסט און וואָס ס'איז דײַן פאָלק. די אַ ציפערן וואָס זײַנען אויסגעברענט אויף דײַן הויט זײַנען די זעלביקע וואָס מע האָט מיר אויסגעברענט אויפן אָרעם, ווען איך בין געווען אַ קליין קינד. פּונקט אַזוי האָט מען געטאָן מיט מײַן זיידן, און מיט זײַן זיידן פאַר אים, במשך פון דורות. און טאָמער ווערט איין וועלט פאַרברענט: געדענק! — און ווּעסט דעמאָלט קענען אויפבויען אַ נײַע וועלט. זאָל אָט אַ דער זכר פון אַן אַמאָליקער עפּאָכע איבערגיין פון דור צו דור..."

* * *

„זיידע, ביסטו געווען דער איינציקער מיט די ציפערן — דער איינציקער וואָס געדענקט?"

„ניין, שרהלע. דורך די דורות, איבער די פּלאַנעטן וווּ ס'וווינען יידן, האָבן זיך פאַרשפּרייט די יורשים פונעם ערשטן קרבן מיט די אײַנגעברענטע ציפערן 3856. מיר האָבן ניט פאַרגעסן, און מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען מיט די אַנדערע וועגן זייער אָפּשטאַם".

„זײַט איר געווען אַ סך מיטן נומער?"

„מיר זײַנען געווען ווייניק, גאָר ווייניק. אָבער יעדער איז געווען ווי אַ מיליאָן... ווי אַ מיליאָן".